שכונת ויואל משה

קיפקע

דיין לאקאלער צירקל

letters@svmkipka.com • 845.682.1282

23

פרשת בראשית
Oct. 4 2026



בס"ד

דער דעדליין שוין דא.
שוין רעגיסטרירט?

כאפ אריין מיטצולעבן מיט דיינע חברים!

ווי"ל א
בקיאות
בחור
לעבט.

שוין נישט
דא אויף ווען
אפצושטיפן, מען
הייבט יעצט אן,
טאנץ אריין!

הייבן
דעם נייעם יאר
מיט א נייעם לעבן.

חבורת
בקיאות הש"ס
שיעורים לבחורים מצויינים
בזמנים הפנויים מסדרי הישיבה
ערב שב"ק • שבת קודש • מוצאי שב"ק • בין הזמנים

רעגיסטריר דיר יעצט
אויף די 24 שעה
טעל ליין

845.777.8177

רייכע
שיעורים
במסכתות
הש"ס בערשק
ושב"ק לבחורי
ישיבה קטנה

◆

זעלטן קלארע
גרינטליכע
שיעורים, מיט
א געשמאק,
וואס מען
הערט נישט
אין ערגעץ!

◆

שיעורים
זענען
געבויעט מיט
א מהלך צו
פארשטיין,
געדענקען,
און עכט
אנהאלטן!

◆

וועכענטליכע
בחינות, מיט
מתן שכרה
בצדה

◆

פערזענליכע
באגלייטונג
דורכ'ן ראש
החבורה

◆

געהויבענע
סביבה פון
בחורים
מצוינים,
אלע מיטן
זעלבן ציל,
צו שטייגן אין
תורה!

◆

חודשליכע
מלוה דמלכה
בדיבוק
חברים. רייכע
שו"ת פאנעלן
במהלכי
הצלחה בתורה

◆

מעין-עולם-
הבא'דיגע
שבת
התוועדות
פאר בני
החבורה

שכן צו שכן

א גרויסן ישר כח פאר די שיינע אויסגאבע לכבוד יום טוב, מיר האבן זייער הנאה געהאט פון די אינטערוויוס מיט די ביזנעסלייט; עס ווייזט ווי שיין אונזער געגנט איז און ווי אזוי מען קען זיך ארויסהעלפן איינער דעם צווייטן.

איבערהויפט האבן מיר זייער הנאה געהאט פון דעם "אמר ר' עקיבא הערש" אינטערוויו. אין א וועלט וואו יעדער פילט אז אלעס קומט זיך אים און עס איז גרינג צו האבן טענות אויף קלייניגקייטן, האט עס געגעבן א בליק ווי "געספוילט" מיר זענען, ווען מיר ווערן באמת סערווירט אויף א גאלדענעם טאץ דא אין שכונה. אין קיין שום דעוועלאפמענט אין קרית יואל איז טאקע נישטא דאס וואס מיר האבן און באקומען דא, עס קומט זיך אים פולן קרעדיט פאר די צדקה וחסד וואס ער שטעלט אהער לטובת תושבי השכונה.

עקסטער האב איך הנאה געהאט צו ליינען אז עס גייט ווערן צוגעשטעלט נאך צייטווייליגע בתי מדרשים. איך האב מיר שוין געזארגט וואס עס וועט זיין ווען די קומענדיגע פאזע דירות וועלן אט-אט זיין פארטיג, און יעצט זע איך אז בנדבת לבו גייט ר' עקיבא הערש עס אהערשטעלן ביז די גרויסע שול וועט ווערן פארטיג בסייעתא דשמיא. אשרו לו ואשרע חלקו.

***

ביטע ארייגלייגן מיינע ווערטער "שכן צו שכן".

עס איז געוועזן דא א בריוו פון איינעם וואס האט מעורר געוועזן איבער דעם ענין פון ענטפערן אמן הויך ווי די הלכה פארלאנגט, אז עס וואלט געדארפט זיין א הויכע רעש ביי יעדע אמן אין בית המדרש. עס איז מיר געפאלן איבער דעם ענין וואס איך האב פונקט געהערט ביי א דרשה, וואו דער בעל דרשן האט ארויסגעברענגט אן אינטערעסאנטע נקודה וואס איז כדאי מיטצוטיילן מיט די ליינער.

ווען מען שפאצירט דורך א בית המדרש יום כיפור פארנאכטס, ווען מען שרייט אויס "ה' הוא האלקים", דונערט עס אפ מיט א געוואלדיגע הויכקייט, צוליב די ווארימע געפילן פון דאוונען אין אזא הייליגע צייט ווען דער טאג גייט שוין אט פארביי.

האט דער בעל דרשן מעורר געוועזן אז ע"פ הלכה וואלט יעדע "אמן" און "אמן יהא שמיה רבא" דורך א גאנץ יאר געדארפט דונערן פונקט אזוי ווי יום כיפור ביי נעילה! דאס גאצער געגנט ארום וואלט געוואוסט אז דא זאגט מען יעצט קדיש!

דאס איז אן אמת'ער געדאנק וואס איז מיר געפאלן. ישר כח אויב איר קענט עס ארייגלייגן.

***

איך האב מיטגעהאלטן א מעשה פון השגחה פרטיות דא אין די געגנט, און איך פיל אז עס איז פאסיג צו לויבן און מפרסם זיין די חסד וואס השי"ת טוט מיט אידישע קינדער.

עס איז געוועזן אינמיטן זומער ווען דער געטרייער גבאי פון ביהמ"ד מנחם זאב ר' אהרן הערש טויב האט "פונקט" א שידוך געטון מיט זיין זון. יענעם אוונט בין איך "פונקט" געשטאנען און געשמועסט אין קוקפע פארנט פון בית המדרש מנחם זאב, ווען דער פרישער חתן איז "פונקט" אנגעקומען און מען האט אים באגריסט מיט ווארימע מזל-טוב'ס. ווען איינער האט אים געפרעגט אויב ער האט אפשר "חתן ציגארעטליך", האט ער "פונקט" אנשטאט דעם געגעבן "קענדיס".

עס זענען נישט דורך קיין צוויי מינוט און מען הערט א קינד וויינען אן אויפהער. מען איז נאכגעגאנגען דעם קול און געזען אז עס קומט ארויס פון א הויז אויפ'ן פערטן שטאק, וואו א קליין קינד וויינט און שרייט "טאטי, מאמי". נאך צען מינוט וואס דאס האט אנגעהאלטן איז מען ארויפגעגאנגען קוקן וואס עס טוט זיך דארט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז צוליב א מיספארשטענדניש צווישן די בעיביסיטערס איז דאס קינד געבליבן אליין אינדערהיים זוכענדיג זיינע עלטערן.

דאס קינד האט זיך נישט געוואלט בארואיגן און האט ביטערליך געוויינט, אבער אזוי ווי מיר האבן "פונקט" געהאט די קענדיס פונעם חתן, האבן מיר געקענט בארואיגן דאס קינד ב"ה און אריבערגערופן די עלטערן.

עס איז אונז געוועזן א שטארקע לעקציע אז קיין זאך פאסירט נישט אומזיסט, אפילו דאס טיילן קענדיס פון א חתן!

ישר כח אויב איר קענט עס ארייגלייגן.

מעך יעדע **חוב** מיט זילטש.

CLEAN UP YOUR CREDIT CARDS

זילטש איז א רעוואלוציע. **די איינציגסטע**
אידישע פירמע מיט לייסענס צו דיעלן מיט די
באנק אפיציעל, ברענגענדיג דערמיט די **בעסטע**
דיעלס. אלעס פאר א פיצעלע פלעט רעיט.

ziltch

☎ ✉ 718.988.ZERO

ZILTCH CUT-IT: INTEREST SLASHED | **ZILTCH FORGIVE-IT:** PRINCIPAL SETTLEMENT | **ZILTCH FIGHT-IT:** COURT DEFENSE

קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער

845.512.5555

carsafe

א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,
דומ"ץ בביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

שאלה

א גוטן. מעג מען רופן א גוי שבת און אים הייסן אנצינדן די סטים?

תשובה

אויב עס איז זייער קאלט אז מען קען זיך פארקילן, אדער אויב עס איז דא קליינע קינדער אין שטוב וואס איז זייער קאלט פאר זיי, מעג מען הייסן פאר א גוי עס אנצינדן. פארשטייט זיך אז מען דארף אינזין האבן פאר שבת אז עס זאל נישט דארפן צוקומען דערצו.

theWireless
Experts who care.

52 Bakertown Rd.
Second Floor
845.388.2355
thewireless.us

SPECIALTY FORMULA · DME & MEDICAL SUPPLIES · COMPOUNDING SERVICES · MULTI-DOSE PACKAGING · OTC, VITAMINS

שמואל יוסף זאלדאן

Blooming Grove
PHARMACY

Send in your prescription and enjoy a relaxing Motzei Shabbos with family. We'll take care of filling it and quickly delivering it right to your door.

Call/Text / WA 845.775.4175
Fax: 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950

Sun - Thurs 9 AM - 9 PM
Friday 9 AM - zman
Motzei Shabbos zman - 11:30 PM

FAST, FREE DELIVERY
EVERY DAY UNTIL CLOSING

PICKUP WITHOUT THE WAIT. COME ON IN AND WE'LL HAVE YOUR PRESCRIPTION READY FOR PICKUP.

PRESCRIPTIONS RECEIVED AFTER 11 PM ON MOTZEI SHABBOS WILL BE DELIVERED SUNDAY MORNING.

ווערטער און געדאנקען

אויפ'ן "תורתך שעשועי" שיעור

שותי, כל שיכול לדבר לפני המלך

דער שפת אמת איז מסביר אז אין די גמרא שטייט אז אן "אנגעטרונקענער" (שתוי) איז יעדער וואס קען נאך רעדן פאר א קעניג, אבער א "שיכור" איז דער וואס קען שוין נישט רעדן פאר א קעניג.

די כוונה פון די חכמים מיט "פארן קעניג" איז דער הייליגער באשעפער; דאס הייסט, אז מען זאל אפשאצן דעם מענטש'ס דעת אויב ער קען רעדן פארן הייליגן באשעפער.

שרייבט דער שפת אמת, אז דער שיעור איז געזאגט געווארן פאר די חסידים הראשונים, וועלכע האבן גוט געוואוסט פאר וועמען זיי שטייען, ווייל זיכער נעמט די מורא פונעם קעניג/השי"ת אוועק פון די שיכרות.

זאגט ער ווייטער: אז יעדער וואס איז ראוי צו רעדן פארן קעניג/השי"ת, נאר עס פעלט אים די כוונה פון א מתפלל, ווערט ער פאררעכנט נאר ווי אן אנגעטרונקענער; דעריבער איז זיין תפילה בדיעבד א תפילה.

כל הנותן מתנותיו לכהן אחד מביא רעב לעולם

די גמרא זאגט דא, אז ווער עס גיט אלע זיינע מתנות כהונה בלויז פאר איין כהן, ברענגט א הונגערדח"ל אויף דער וועלט.

עס איז דא אן אינטערעסאנטן דיון אין די פוסקים. אויב א מענטש האט הונדערט דאלאר וואס ער וויל געבן פאר צדקה. וואס איז בעסער, צו געבן די גאנצע הונדערט דאלאר פאר איין מענטש, אדער עס צוטיילן צווישן הונדערט מענטשן, יעדן איינעם א דאלאר?

דער רמב"ם, אין פירוש המשניות אויף מסכת אבות (פרק ג' משנה ט"ו), ביים מפרש זיין די משנה "והכל לפי רוב המעשה", שרייבט ער א יסוד: די מעלה וואס א מענטש קויפט זיך דורך א מצוה קומט נישט דווקא לויט ווי גרויס דער איינציגער מעשה המצוה איז, נאר לויט וויפיל מאל ער טוט דעם גוטן מעשה.

דער רמב"ם גיט טאקע דעם משל: אויב איינער גיט טויזנט זהובים פאר צדקה אויף איין מאל, האט ער טאקע געטון א גרויסן מעשה צדקה. אבער איינער וואס גיט די זעלבע טויזנט זהובים צוביסלעך, אין טויזנט באזונדערע מאל, האט טויזנט מאל געעפנט זיין האנט און טויזנט מאל זיך אוועקגעגבן פון זיך צו טון א מעשה פון צדקה. דורכדעם ווערט די מדה פון צדקה וחסד אסאך טיפער איינגעווארצלט אין אים.

דער יעב"ץ אבער קריגט זיך אויפ'ן רמב"ם און שרייבט גאר שארף: אינו נראה לי להחזיקו במושלם, כי לדעתי הוא בהיפך.

ווייל דער יעב"ץ האלט אז עס קען זיין א גרעסערע מעלה ווען א מענטש גיט די גאנצע הונדערט דאלער אויף איין מאל. פארוואס? ווייל דא דארף ער אויף איינמאל באזיגן פיל א

חבורת בקיאות הש"ס
בחורים מצויינים רוכשים מסכתות בזמנים הפנויים

תשפ"ז - דער יאר וואס איך וואַרף מיר אריין אין תורה!
איך שרייב מיר איין אין חבורה בקיאות הש"ס
צו פארזיכערן אז דאס פאסירט טאקע!

845.777.8177
24 שעה טעל ליין

THE COMMUNITY'S ORIGINAL TELEHEALTH PRACTICE
SINCE
2015

3 סטעפס צו שפירן בעסער

רוף
אריין
רעפיד
קעיר

רעפיד
קעיר שיקט
אראפ א
ספעציעליסט

נאקן! נאקן!
רעפיד
קעיר איז
ביים טיר

RapidCare is here for you all year round. Every season brings its own challenges, but your care should always be simple. With RapidCare, a trained technician comes directly to you, performs the necessary tests, and connects you with one of our providers through a secure telehealth visit.

RapidCare
TELEHEALTH

Betzalel Rabinowitz, NP
718.483.9555
WE BILL YOUR INSURANCE
NO OUT OF POCKET COSTS!

STREP TEST | FLU TEST | COVID TEST | RSV TEST | SEASONAL ALLERGIES | EAR CHECKS | PRESCRIPTIONS

SERVICING: MONSEY \ NEW SQUARE \ KIRYAS YOEL \ BORO PARK \ FLATBUSH \ MT. KISCO

ZURECH 347.765.7824

OUR SHOWROOM HAS ONE ADDRESS: *YOURS.*

No guessing if it will fit, shine bright enough, or match. Our expert brings the showroom to your home, so you choose once and choose right.

Servicing Monsey, Monroe & the Catskills

845-394-5885
sales@breezelightingusa.com

BREEZE
LIGHTING

ב ס"ד

ערשטמאליגער
דורכברוך!

וַיואֶל מֹשֶׁה לָשֶׁ

בקיאות
סניף ש
ויוא
מש

מגיד שיעור
ספעציעל פ
תושבי הש

דארפסט נישט גיין ווייט צום
לערנען, אבער ווערסט אי"ה
אנקומען גאר גאר ווייט!

ה לָשֶׁבֶת . . .

ת הש״ס
שכונת
אל
שר.

שיעור מיוחד
ציעל פאר
בי השכונה

יא לעכטיגע בחורים תושבי שכונת ויואל משה, אויפ׳ן בקשה פון פילע בחורי השכונה פאר וועם ס׳איז שווער צו גיין צו ווייטערע געגנטער,

עפענען מיר בעז״ה איצט א באזונדערע בקיאות-הש״ס-ברענטש דא לאקאל, בלויז פאר אייך!

חבורת
בקיאות הש״ס
שיעורים לבחורים מצויינים
בזמנים הפנויים מסדרי הישיבה
ערב שב״ק • שבת קודש • מוצאי שב״ק • בין הזמנים

רעגיסטריר דיר יעצט
845.777.8177

NUAH 845.513.0001

ווערטער און געדאנקען

איפן ״תורתך שעשועי״ שיעור

גרעסערן יצר הרע. ארויסנעמען איין דאלאר פון טאש הונדערט מאל איז יעדעס מאל נאר א קליינע הקרבה; אבער זיך נעמען און אויף איין מאל אוועקגעבן הונדערט דאלאר – דאס פארלאנגט א גרעסערע התגברות היצר.

אלא שלא תאמר משל היה

משה רבינו הייבט אן ספר דברים מיט זיין מוסר פאר כלל ישראל אין די לעצטע טעג פאר זיין פטירה. אבער׳ איידער ער הייבט אן דעם מוסר, איז ער זייער פונקטליך מיט פרטים.

ער זאגט פונקטליך וואו מען געפינט זיך: ״בעבר הירדן במדבר, בערבה מול סוף, בין פארן ובין תפל ולבן וחצרות ודי זהב״. דערנאך זאגט ער פונקטליך ווען דאס איז: ״ויהי בארבעים שנה, בעשתי עשר חודש, באחד לחודש״. ער דערמאנט אויך וואס עס האט נארוואס פאסירט: ״אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי... ואת עוג מלך הבשן״.

פארוואס דארף ער דאס אלעס אויסרעכנען דא?

זאגט דער מדרש א מורא׳דיגע נקודה: משה רבינו האט געוואלט קלארשטעלן פאר כלל ישראל אז כאטש ער שטייט יעצט פאר זיין פטירה, איז ער אינגאנצן בצלילות הדעת. די דברי מוסר וואס ער גייט יעצט זאגן קומען פון א קלארן און ריינעם דעת.

היינט קען מען דאס זייער גוט פארשטיין. ווען מען וויל אין די מעדיקל וועלט טעסטן ווי קלאר דער מוח פון אן עלטערן מענטש ארבעט, פרעגט מען אים אזעלכע סארט פראגעס: ווייסטו וועלכער טאג עס איז היינט? ווייסטו וואו דו געפינסט זיך? ווייסטו וואס עס גייט יעצט פאר אויף די וועלט? פון די ענטפערס קען מען זען ווי גוט דער מענטש איז אריענטירט און ווי קלאר זיין מח איז.

דאס זעלבע האט משה רבינו כביכול געוויזן פאר כלל ישראל: מען זאל שפעטער נישט קענען זאגן אז משה רבינו איז שוין געווען אויף די עלטער, ער האט געהאלטן פאר זיין פטירה, אפשר האבן די שטוב מענטשן אדער די ארומיגע אים שוין פארדרייט דעם קאפ און איינגערעדט זאכן...

דערפאר האט משה רבינו אויסגערעכנט און געזאגט: איך ווייס פונקטליך וואו איך בין, איך ווייס פונקטליך וועלכע צייט עס איז, און איך ווייס פונקטליך וואס עס האט נארוואס פאסירט מיט סיחון און עוג. איך בין קלאר בצלילות הדעת. אזוי אז די ווערטער וואס ער גייט יעצט זאגן זענען זיינע קלארע, באוואוסטזיניגע ווערטער פאר כלל ישראל.

דאס זעלבע קען מען זאגן אויף די לשון חז״ל: ״אלא שלא תאמר משל היה״ דאס איז נישט קיין אומקלארע רייד, נישט קיין משל און נישט קיין ווערטער פון א מענטש וואס ווייסט נישט וואס עס גייט פאר. אלעס איז זייער קלאר און אמת.

חבורת בקיאות הש״ס
בחורים מצויינים רוכשים מסכתות בזמנים הפנויים
אלע תלמידי חכמים האבן אנגעפאנגען אלס בחור!
שרייב דיר איין אין בקיאות הש״ס שוין אנצוהייבן!
אמת׳דיג קונה זיין מסכתות בש״ס!
845.777.8177
24 שעה טעל ליין

טוֹעמיה

געשמאקע מאכלי שבת

הדלקת הנרות בראשית

6:10

"טועמיה" געשעפט שפארט צו

5:40

קינדער וואס
העלפן אינדערהיים
און קומען איינקויפן,
וועלן באקומען א
פאקסי לכבוד שב"ק!

טועמיה איז א געשעפט אויף 5 באר שבע 006, וואס האט אלע אייערע צרכי שבת אייך צו פארזיכערן אן עונג שבת

סופר סת"ם

ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים

ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין

יואל מארקאוויטש

845-324-0063

תושב שכונות ויואל משה

הצלה קאל

אלערדזשיק רעאקציע

א שארפן פייף הערט זיך פונעם ראדיא: "עני יוניט עוועילעבל פאר אן אלערדזשיק רעאקציע אויף א בעיבי?"

אן הצלה מעמבער הערט אויפ'ן ראדיא אסאך סארטן קאללס, אבער די רעאקציע ווענדט זיך לויט וואס דער קאלל איז. עס זענען דא קאללס וואס זענען בלויז א שניט אדער א קלייניקייט, אבער צומאל איז דא ווען עס איז "סטאפ, דראפ, ענד ראלל". א קאלל פון אן "אלערדזשיק רעאקציע" איז אזא סארט.

אלערדזשיס זענען א שטארקע לעבנס-געפאר, וואס יעדע סעקונדע ציילט. דערפאר, ווי פריער מען באקומט הילף, אלס גרעסער זענען די שאנסן איבערצולעבן.

ווען עס איז אריינגעקומען אזא קאלל און מען איז געווען אונטער צוויי מינוט דערנעבן, האט מען נישט צו סאך געטראכט וואס מען האלט אינמיטן טון, נאר זיך אויפגעהויבן און געלאפן.

אריינקומענדיג אין הויז איז די ערשטע זאך די ABC אויף וואס מען קוקט - ווי שוין געשריבן אין פריערדיגע ארטיקלען. ביי אן אלערדזשיק רעאקציע מוז דאס געטון ווערן אין סעקונדעס, זיכער צו מאכן אז מען האט שנעל ארויס מיט וואס מען האנדלט.

אריינשפאצירנדיג אינעם הויז, זעט מען דערשראקענע פאמיליע מיטגלידער ארום א בעיבי וועמענס פנים איז היבש פארויטלט מיט פינטעלעך ארום זיין מויל. ער הוסט און מוטשעט זיך צו אטעמען. דאס מיינט אז די 'A', וואס איז די עירוועי (Airway), מאכט קונצן. דערפאר, נאך פארן צוגיין צו די נעקסטע אפשאצונג, האבן מיר גלייך ארויסגענומען די "עפי-פען" פונעם הצלה קיט. אין די צען סעקונדעס וואס עס נעמט אנגרייטן, האבן מיר געפרעגט אויב דאס קינד האט א היסטאריע פון אלערדזשיק רעאקציעס אדער עס איז פריש. ווען די מאמע האט מיר געזאגט אז עס איז די ערשטע מאל, האבן מיר שוין דאן אריינגעשטאכן אינעם בעיבי די נאדל אינעם בעיבי מיט וואס עס גייט אריין די "עפי-פען" מעדיצין. דאן האבן מיר געלאזט מעלדן פארן דיספעטשער: "עפי אדמיניסטרירט", און אז דער פאציענט אטעמט שווער.

גלייך דערנאך האבן מיר גענומען דעם סטעטאסקאופ און אויסגעהערט די לונגען. ביי אן אלערגישע רעאקציע ווערן די אויבערשטע לופט-רערן פארשטאפט, און מען הערט אין די לונגען ווי שווער דאס אטעמען קומט אן.

דער פאראמעדיק און די אמבולאנס זענען אנגעקומען, און מיר האבן אראפגעטראגן די פאציענט - ב"ה א חלק פונעם רעקאציע איז שוין בעסער געווארן, ווען דאס אטעמען איז אויך געווארן בעסער -ווען מען פליט גלייך אריין אין שפיטאל פאר ווייטערדיגע באהאנדלונגען.

***

וואס געשעט טאקע ביי אן אלערגישע רעאקציע? וואס איז די סכנה דערפון? וואס טוט אויף די "עפי-פען"? וואס נאך טוט מען אויף אזא קאלל? אי"ה מער קומענדיגע וואך.

חבורת
בקיאות הש"ס
בחורים מצויינים רוכשים מסכתות בזמנים הפנויים

בקיאות הש"ס קומט קיין שכונות ויואל משה!
א פרישע ברענטש ספעציעל פאר בחורי שכונות ויואל משה!
פאלגט נאך ווייטערדיגע מודעות!

845.777.8177
24 שעה טעל ליין

בס"ד

Experienced and Caring Teachers

A large variety of engaging toys for the kids

Breakfast, warm lunch and snacks

We provide the pampers for the kids

Accepting kids from ages 20 months & up

Shchinas V'yoel Moshe
PLAYGROUP

Located on: 17 Austra Pkwy.
and 1 Beer Sheva St.

Limited slots still available. For inquiries Please call:

Mrs. Mizrachi 845-537-2386

Bright Image Marketing Inc. - 929-334-5280

PROFESSIONAL
Makeup
FOR ALL YOUR SIMCHAS

אייער פריינט
תושב השכונה

- ✓ CUSTOM LOOK TAILORED TO YOUR STYLE
- ✓ SPECIALIZING IN LONG LASTING SHABBOS MAKEUP
- ✓ HOUSE CALLS AVAILABLE
- ✓ ALSO OFFERING BROW AND LASH TINTING

BOOK NOW | *L. Ekstein* | 845-806-0119

עולה זיין ביים רבי'ן זי"ע

פארווארט

תלמידי וחסידי סאטמאר זענען באקאנט מיט די הייליגע עבודה וואס דער רבי זי"ע האט געהאט יעדן שבת ביי קריאת התורה, ווען ער האט אויסגעלאזט געוויסע פסוקים געוואנדן לויט די השפעות און ברכות וואס ער האט געוואלט משפיע זיין פאר זיינע חסידים וואס האבן דאן עולה געווען.

לכבוד שבת פרשת בראשית הייבן מיר אן פארן יאר א נייער סעריע, וואו מיר וועלן יעדע וואך פראבירן צו ברענגען מעשיות פון עליות ביים רבי'ן זי"ע פון די פרשה. מיר האפן איר וועט הנאה האבן דערפון. מיר בעטן אז ווער עס ווייסט פון סיי וועלכע סארט מעשה פונעם רבי'ן זי"ע ביים אויסלאזן ביים ליינען, זאל עס ביטע אריינשיקן, וזכות הרבים יהא תלוי בו.

ויולד בנים ובנות

עס האט דערציילט הרה"ח ר' בנציון אינדיג ע"ה, אז ווען ער איז ארויסגעקומען ענדליך פון רומעניע וואו ער האט זיך אויפגעהאלטן נאכ'ן קריג און ער איז געפארן וואוינען קיין ארץ ישראל, האט ער זייער שטארק משתוקק געווען צו קומען זיין ביים רבי'ן.

עס איז געווען שנת תשכ"ה -ער האט שוין געהאט אין שטוב עטליכע אינגלעך, האט זיך געמאכט א געלעגנהייט און ער איז געקומען אויף די ימים נוראים צום רבי'ן. ער האט געוואלט זיך מזכיר זיין אז ער זאל זוכה זיין אויך צו האבן טעכטער - ער איז שוין געווען מער צו די עלטערע יארן.

אבער עס איז אים נישט אויסגעקומען מזכיר זיין ביים רבי'ן אינמיטן חודש תשרי. אבער עס איז אויסגעקומען אז מען האט אים מכבד געווען מיט אן עליה שבת פרשת בראשית, און דער רבי האט אויסגעלאזט ביי אים די ווערטער "ויולד בנים ובנות"! אין יענעם יאר האט ער טאקע זוכה געווען צו האבן צווילינג מיידלעך.

ויביאה אל האדם

הרה"ח ר' שלום טאבאק ע"ה האט דערציילט, אז ווען ער איז ארויסגעקומען קיין אמעריקע איז ער געקומען קודם אליין, ווייל זיין בת בית איז געבליבן אין אייראפע. עס זענען געווען לעגאלע פראבלעמען איר אריינצוברענגען אהער קיין אמעריקע, פון וואס ער געהאט גרויס צער. דער רבי האט אים אייביג בארואיגט אז זי וועט אי"ה קענען נאכקומען, ער זאל נישט זיין באזארגט.

טאקע א צייט שפעטער האט זי געקענט אריינקומען נאכדעם וואס מען האט מסדר געווען אלע פראבלעמען. ווען ער איז געווען ביים רבי'ן אין בית המדרש שבת בראשית און ער האט עולה געווען לתורה, האט דער רבי אויסגעלאזט ביי אים דעם פסוק "ויביאה אל האדם"... דער רבי האט זיך אנגערופן: "איך האב דיר געזאגט אז זי וועט נאכקומען"...

ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה

עס ווערט דערציילט אויף הרה"ג רבי מענדל פריעדמאן ז"ל, וואס איז געווען איינער פון די חשוב'ע ראשי ישיבות דא אין מתיבתא. ער איז געווען א מגיד שיעור אין ישיבת יטב לב אין ירושלים, מען האט זייער שטארק געוואלט אז ער זאל קומען קיין אמעריקע צו זיין דא אין די ישיבה, וואס וואלט געהאט א גוטע השפעה אויף די בחורים. אבער די תלמידים און הנהלה דארטן אין ארץ ישראל האבן נישט געוואלט אז ער זאל אוועקגיין פון ירושלים.

דער רבי זי"ע האט אויך געהאט שטארק חשק דערפאר, אבער ער האט אים נישט געוואלט הייסן צו קומען וואוינען קיין אמעריקע.

ער איז געקומען צום רבי'ן זיך מסתופף זיין אויף די ימים נוראים תשכ"ג, ער איז פארבליבן אויף פרשת בראשית. דער רבי האט אים מכבד געווען מיט אן עליה, ווען דער רבי האט אויסגעלאזט ביי אים דעם פסוק "ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה". ווי דער רבי האט אים געוואלט מרמז זיין אז ער זאל קומען קיין אמעריקע און משקה זיין תורה ויראת שמים אויפ'ן אמעריקאנער באדן. וואס דאס איז טאקע שפעטער אויסגעפירט געווארן און ער איז געקומען דינען דא אלס איינער פון די ראשי ישיבה.

קלאסיפיידס

Hair and Wig Services

You can still have a new wig for Yom Tov.
Many Amazon wigs in stock.
Still accepting wash and sets for $40. Great cuts and Best Prices. Book now 845-637-1516 or 845-248-7859

Need to update your Tichel liner? Do it Local!

• Custom lightweight liners • Preties •Kallah Packages etc.
Hershkowitz • 5 Beer Sheva
845-492-3883

א משפחה שמחה דא און געגענט? רעזערווירט אויף פאראויס.

א אויסגערישטע דירה מיט 4-5 בעטן צו פארדינגען אינמיטן די שכונה. טאג/וואך,
אויך א 1 רום נאר שלאפן. 917-613-6622

Office desk available on Austra in women's only office for $350. High speed internet provided. Please call/text 845-500-9269

New! Accepting Steady! Drop in and Overnight Babysitter. Located on Ungvar Street.
Faigy Kleinman, Call/ Text 845-537-9109

Weekly Special!

Get a $35 Rebate

On Your New Wonder

Sign up for updates on specials and new items.

Text **UPDATES**
to **845-388-2355**

Monroe:
52 Bakertown Rd.
2nd Floor
21 Getzil Berger

Williamsburg:
140 Rodney St.

thewireless

Experts who care.

call or text | 845.388.2355

thewireless.us

WONDER

artractiveny.com